IDISHE PROBLEMEN

Published @ 2017 Trieste Publishing Pty Ltd

ISBN 9780649610655

Idishe Problemen by Jacob Milch

Except for use in any review, the reproduction or utilisation of this work in whole or in part in any form by any electronic, mechanical or other means, now known or hereafter invented, including xerography, photocopying and recording, or in any information storage or retrieval system, is forbidden without the permission of the publisher, Trieste Publishing Pty Ltd, PO Box 1576 Collingwood, Victoria 3066 Australia.

All rights reserved.

Edited by Trieste Publishing Pty Ltd.
Cover @ 2017

This book is sold subject to the condition that it shall not, by way of trade or otherwise, be lent, re-sold, hired out, or otherwise circulated without the publisher's prior consent in any form or binding or cover other than that in which it is published and without a similar condition including this condition being imposed on the subsequent purchaser.

www.triestepublishing.com

JACOB MILCH

IDISHE PROBLEMEN

Trieste

אינהאלט:

צום צוואנציגסטען יוביליי פון דער „צוקונפט" — — — — — — — — 5

רעאקציאנערע שטרעמונגען — — — 47

די אימיגראציאנס פראבלעמע — — — 81

די רעוואלוציע און די פאגראמען אין רוסלאנד — — — — — — — — 134

פעלקערקאמף, אידענקאמף און קלאסענקאמף — — — — — — — 149

וואס טוט מען מיט די אידען — — 164

דער קויפמאן פון ווענעדיג — — — 174

יצחק ליבוש פרץ — — — — — — — 196

עטליכע באמערקונגען מכח הומאר בכלל און שלום עליכם'ס הומאר בפרט — 213

פערציג יאהר אידישער סאציאליזם — 218

צו דעם פריהצייטיגען טויט פון ב. באראכאוו — — — — — 225

פארוואס איך שווייג — — — — — 230

פאַר דעמאָקראַטיע. דאָס איז באַשטימט. פון דעם איז ניטאָ וואָס צו רעדען.

היינט ווען רחמנות און יושר און מאָראַל און פּרינציפּען און קונסט, און זאָגאַר דאָס מענשליכע לעבען האָבען קיין ווערט, פון וואָס איז דאָ צו רעדען?

שווייג איך.

וואָס איז די פּעולה?

שטיל. נעה רעד, ווען דער אַלטער איז דיינער, און די מאָרבע איז דיינע!

* * *

ענדליך האָבען מיר עס דערלעבט. דער רייכער קרוב האָט אונז צוגעזאָגט: אויב גאָט וועט העלפען, ס'וועט זיין פּרנסה, וועט מען אונז געבען א שעהנע נדבה, און ווי די צייטונגען שריי־בען, נעהט דעם פעטער גאַנץ גוט. מיר קאָנען האָפען אויף דער נדבה. און אייניגע פון אונז זענען זיך שטאַרק מסעסק און משמח. מען רופט פאַרזאַמלונגען און מען רעדט, און מען רעדט, און מען רעדט און מען רעדט.....

וואָס קאָנען אָרימע לייט, וואָס וואַרטען אויף א נדבה, מער ווי רעדען?

רעדט מען און מען פרעהט זיך מיט דער הבטחה, און מען נעהט זיך א גרויסען זאַק.

איך בין מקנא די מענשען. גליקליכע מענשען. אמת'ע חסידים. איז נישטאָ קיין בראָנפען, טרינקט מען וואַסער פון א פלעשעל און מען וואַקעלט זיך אויף די פיס.

איך האָב פיינט זיך אָנצו'שיכור'ען מיט וואַסער. אז טרינ־קען זאָל זיין געטרונקען.

קוק איך צו און שווייג.

וואָס קאָן מען זאָגען? מענשען זענען גליקליך, די מענשען זענען מיינע אייגענע, זאָלען זיי זיך פרעהען. אפשר? אולי ירחם?

פון אלע גרויסע אידעאַלען, וואָס מיר האָבען ביז היינט געהאַט, פאַר וועלכע מיר האָבען געלעבט, און צוליב וועלכע עס האָט געשיינט, עס איז געווען כדאי צו לעבען, פון אלע די אי־דעאַלען איז נאָר געבליבען איין אידעאַל. קיין קאָנטראַקט, קיין אָפּמאַך עקזיסטירט נישט מער. אָן אָפּמאַך — דאָס איז א שטי־קעל פּאַפּיר; מאָראַל איז דאָס וואָס פירט צו מיין ציל; ליבע און גערעכטיגקייט האָבען אָפּגעגעבען זייער פּלאַץ צו האַס און פיזישער קראַפט. דאָס מענשליכע לעבען, דאָס לעבען פון דעם איינצעלנעם, ווי דאָס לעבען פון גאַנצע פעלקער, איז נאָר נישט ווערט, אלץ איז פאַרשוואונדען, געבליבען איז נאָר איין אידעאַל. דאָס איז דער אידעאַל פון דעמאָקראַטיע. מאַכען די וועלט זיכער

אויסוואַנדערען און זיך באַזעצען אונטער דעם ענגלישען שוץ, און לעבען אויף זייער אייגענעם אופן, לויט זייער נאַטור און זייער גייסט.

פאר מיר אָבער איז פּאַלעסטינאַ גיט קיין לעזונג פון דער אידישער פראַגע. פּאַלעסטינאַ, אויב אַלץ זאָל מאַקע צוגעהן ווי די ציוניסטען שטעלען זיך פאָר, וועט אויף דעם בעסטען אופן פאַרענטפערען די פראַגע פון אַן אַנצאָל אידען, פון די, וואָס ווילען אויסוואַנדערען. די אידישע פראַגע וועט דאָס, נאָך מיין מיינונג, ניט פאַרענטפערען. פאַר די מיליאָנען אידען, וואָס וועלען ניט און וואָס קאָנען ניט אויסוואַנדערען, און וואָס ווילען דוקא בלייבען אידען — פאַר די מיליאָנען וועט די „שאלת היהודים" אַלץ בלייבען.

איך פרעה זיך מיט דעם פאַקט, אויב ער וועט ווען עס איז ווערען א פאַקט, אָבער די באַגייסטערונג און דער גלויבען פעהלען מיר.

ניט לאַנג צוריק האָב איך געלעזען אין א אידישער צייטונג וועגען דעם, ווי נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך געזעהן מיט די איר־טאַליענישע און האָלענדישע מיניסטאָרען פון אויסלענדישע אַנ־געלעגענהייטען מכח פּאַלעסטינאַ, און מיר האָט זיך פאָרגע־שטעלט אזא בילד: עס ברענט א פייער, א גאַנצער קוואַרטאַל איז אין פלאַמען. די הייזער פּלאַקערען, מענשען ראַטעווען זיך ווי זיי קאָנען, די פייערלייט אַרבייטען מיט אַלע כחות, מענשען לויפען און פאַרען, אַלע זוכען צו העלפען, אָבער דאָס פייער פאַרכאַפּט אַלץ מער הייזער. מען וואַרפט קינדער דורך די פענ־סטער, מען קריכט פון לייטערס, דערוואַקסענע שפּרינגען פון די דעכער און ווערען גע'הרג'עט, געשרייען, יללות, מאַמעס זוכען קינדער, קינדער לויפען פאַרווייגט און קאָנען ניט געפינען זייע־רע מאַמעס. און בעת דיזער גאַנצער מהומה, געהט זיך אויף דער אַנדער זייט גאַס אַן אַלטער איד מיט א טאַרבע אויפ'ן פּלייצע, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען, און בעט זיך: שענקט א נדבה! און אָנשטאָט צו ווערען אין כעס, האָט מיך אָנגע־נומען א רחמנות. איך האָב סאַרביסען די ליפען און געבליבען

איז ניט זיין זאך. ער קאָן ניט מאָלען, ער קאָן אפילו ניט פאָטאָגראפירען. ער וויל וויסען דעם תוך און דעם תכלית פון דעם אלעם. פון וואנען קומט עס, וואוהין פירט עס? אָבער אזוי שנעל ווי ער פרעגט די פראגע ווערט דאָס רויטע, ווי דורך א כישוף, פארוואנדעלט אין שווארץ, און ער זעהט ניט קיין זאך. ארום און ארום איז שווארץ, פינסטער. וימש חושך.

און די פינסטערניש פארכמארעט און פארשטעלט אלע אנדערע פראגען.

סאָציאליזם, נאציאָנאליזם, סאָציאלע גערעכטיגקייט, יושר, מאָראל, ליבע, קונסט, ליטעראטור — וואָסער באטרעף האָבען די אלע פראָבלעמען געגענאיבער די איינציגע פראָבלעמע פון דער היינטיגער צייט? ווי קליין, ווי קליינליך, ווי ניט ווירדיג און ניט וויכטיג קומען די אלע זאכען פאָר? ווי קאָן מען רעדען פון יושר און מאָראל, פון גערעכטיגקייט און געזעצליכקייט אין א צייט, ווען יעדע מאָראל ווערט געטראָטען און פארניכטעט, ווען אלע געזעצען, אפילו די געזעצען פון מלחמה, ווערען געבראָכען טויזענט מאָל יעדע שעה פון יעדען טאָג; וואָסער ווערט האָט ליבע, ווען פארגוואלדיגונג איז א געוויינליכע זאך; וועלכען ווערט האָט דאָס לעבען פון דעם איינצעלנעם, ווען גאנצע פעלקער ווערען אויסגעקוילעט, פארגוואלטעוועט און פארניכטעט? ווי קאָן מן רעדען פון קונסט אין א צייט, ווען די קונסט ווערק פון דורות ווערען געוואלטזאם, אומ'ברחמנות'דיג צעשטערט און פארניכטעט? וואָסער ווערט האָבען די אלע אידעאלען, פאר וועלכע מיר האָבען געלעבט אין געשטריטען, און אויף וועלכע מיר האָבען געהאָפט? עס קומט אוים לעבערליך היינט צו טאָג צו רעדען פון די אלע זאכען.

בלייבט נאָר איבער פאָליטיק, תכסיסי מלחמה. אָבער דאָס לאָז איך איבער פאר די סטראטעגיקער און די דיפּלאָמאטען.

האָב איך ווידער ניט וואָס צו זאָגען, שווייג איך.

וואָס איז מכח פאלעסטינא?

איך האָב גאָרניט וואָס אויסצוזעצען געגען דעם. איך וועל זיך הארציג פרעהען, ווען פאלעסטינא וועט געמאכט ווערען פאר א אידיש לאנד — א לאנד, וואוהין פיעל אידען וועלען קאָנען

נעהערט צו שרייבען? פארנומען, ענטפער איך איהם. צופיעל פארנומען מיט געשעפט.

ער איז מיט דעם ענטפער ניט צופרידען. ווי קאָן מען אין אזא צייט שווייגען? פרעגט ער ווייטער.

ווי קאָן מען אין אזא צייט רעדען? ענטפער איך מיט א פראגע. איהר האָט פולשטענדיג רעכט. איז געווען זיין ענטפער.

ניט טראכטענדיג און ניט ווילענדיג, האָב איך געגעבען דעם ריכטיגען ענטפער, און ער האָט דאָס שנעל באגריפען.

ווי קאָן מען אין אזא צייט רעדען?

אָט דאָס איז די פראגע, וואָס שטעלט זיך מיר אין וועג יעדעס מאָל, ווען איך טראכט צו נעמען די פעדער אין האנט.

פאר דעם גרויסען קינסטלער, פאר דעם, אין וועמעס קאָפּ די וועלט מאָלט זיך אין בילדער, קאָן זיין, הגם איך בין שטארק מסופק אין דעם, זענען די היינטיגע וועלט פאסירונגען א קוואל פאר נייע שאפונגען. די פארב פון די פאסירונגען, אמת, איז איינטאָניג, דערפאר זענען זיי אָבער רייך אין פארשידענארטיגקייט, אין עפעקט, אין די ווילדעסטע שנעלקייט, מיט וועלכע זיי בייטען זיך, און איבערהויפט, אין די גרויסציניגקייט און אין דעם שוואונג, מיט וועלכע זיי זענען אויפגעוואָרפען. פאר דעם קינסטלער קאָן זיין, איז דאָס אלץ פון גרויסען ווערט. וואָס קאָן אָבער מיט דעם אלעם טאָן איינער, וואָס זוכט א תכלית אין לעבען? ניין! ניט דאָס מיין איך צו זאָגען. איך מיין, וואָס קאָן א מענש, וואָס געפינט, אז דאָס לעבען אליין איז דער תכלית, און עס דארף דאדורך געמאכט ווערען אזוי שעהן, אזוי אנציהענד, אזוי פיעלפאַכיג, אז עס זאָל זיין א נחת צו לעבען, וואָס קאָן אזא מענש טאָן מיט דיזער גרויסער, אומגעהייערער לייוואנד, באגאָסען מיט רויט, אויף וועלכע די סצענעס און בילדער, איינס שרעקליכער פון דאָס אנדערע, לויפען דורך מיט א שנעלקייט, פון וועלכע עס פארכאַפּט דער אָטעם, עס שווינדעלט דער קאָפּ און עס בלענדען די אויגען? נראָד דער גרויסער שוואונג, די ברייטקייט, די שנעלע באוועגליכקייט מאכען איהם אוממעגליך צו באטראכטען די זאכען. ער שטעהט פארכאַפּט, אָהן אָטעם, בלינד און שטום.

וואָס קאָן אזא מענש טאָן? קאָפּירען די סצענעס? דאָס

שען פיעל נויטיגע ארטיקלען, ווי צוקער, ווייץ, וואַנאַנען, שי־
פען, אויך אָנגעמאַכט א יקרות אויף טעמעס. איך קאָן זיך
אויף דעם ניט באַקלאָגען. טעמעס פעהלען מיר ניט. ניט ווייל
איך בין אזוי רייך אין זיי. מיט דעם קאָן איך זיך ניט באַריי־
מען. מיר פעהלען זיי ניט ווייל איך דאַרף אזוי וועניג פון זיי.
איינמאָל א וואָך, אָדער נאָר איינמאָל א חודש, קאָן מען שוין ווי
עס איז געפינען א טעמע, אפילו ביי דעם הייגטיגען יקרות. אויף
דער צענזור קאָן איך זיך אויך ניט באַקלאָגען. אויף מיר איז די
צענזור ניט חל. איך באַשעפטיג זיך מייסטענס מיט „גלות
השכינה", מיט דעם „וועלט שמערץ", און דער „וועלט שמערץ"
טוט קיינעם ניט וועה. יעדער איינער מעג דאָרט פאַרשרייבען
רפואות צו ריזען שמערץ וויפיל זיין הארץ גלוסט. מען מוז ניט
דוקא האָבען א דאָקטאָר־דיפּלאָם.

בלייבט די פראגע: פאַר וואָס איך שרייב ניט, אָהן א
תירוץ.

און דאָס הארץ ציהט און גאָגט, די נשמה ברענט און רייסט
זיך און פיהלט ווי ארויסצופליהען פון דעם גוף.

פארוואָס די פראגע איז פאַר מיר אזוי וויכטיג, איז אָדער
מען קאָן ניט ערקלערען, אָדער מען דאַרף ניט ערקלערען. דער
מענש, וואָס האָט אזעלכעס קיינמאָל ניט איבערגעלעבט, וועט
דאָס ניט באַגרייפען, ווען איהר זאָלט אפילו צו איהם רעדען פון
היינט ביז מאָרגען. פאַרקערט, ווידער דער מענש, וועמעס הארץ
עס קלאַפּט מיט דעם טאַקט פון די נעשעהעגישען, און וועמעס
נשמה דאָס לעבען קלינגט אָפּ, ווי א ווידער־קול; דער מענש,
וועלכער ווערט אָפט געטריבען פון אן אינערליכען, אומבאוואור־
סטען כח ארויסצוגיסען זיין הארץ און זיך אָפּצורופען, פונקט
ווי דאָס לעבען וואָלט זיך צו איהם ספּעציעל געווענדט און גע־
וואַרט אויף זיין תשובה, הנם ביי זיך איז ער באַוואוסט, אז ניט
איהם מיינט מען, און ניט איהם פרעגט מען — דער מענש דאַרף
ניט קיין ערקלערונג. ער ווייס וואָס דאָס מיינט, ווען אייגענע
פאַר'משפט זיך אליין צום שווייגען, אין א צייט, ווען ארום
איהם קאָכט און זידט און ברענט.

ניט לאַנג צוריק שטעלט מיך אָפּ א אידישער פּאָעט, איי־
נער פון די יונגע, און פרעגט: פאַרוואָס האָט איהר עפּעס אויפ־